שלום עליכם

# אין אַ קאַרנאַוואַל־נאַכט

— 1 —

ר׳ שמואל הוירדעס האָט באַגלייט די טאָכטער ביז צו דער טיר. ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר דאָס מיידל האָט שטיל אַראָפּגעהאַלטן די אויגן צו דער ערד און דער קנייטש, וואָס האָט זיך פֿאַרקרימט איבער איר אייבערשטער ליפּ, האָט אַזוי געשוויגן, אַז דער אַלטער ייִד האָט, קוקנדיק אויף איר, אַראָפּגעשלונגען די ווערטער און זיך אייניקע מאָל די ברייטע האַנט איבער דער באָרד אַריבערגעצויגן, און שווײַגנדיק זיך איבער דער שטוב אַרויף־און־אַראָפּ געדרייט.

אַז דאָס מיידל מיט איר ברודער, וועלכער האָט זי באַגלייט מיט דער לאַמטערן, האָבן שוין געהאַט די שטוב פֿאַרלאָזט, האָט זיך דער אַלטער געטראַכט: רבונו של עולם, לאָז קומען פֿאַר דיר די שאַנד פֿון יונגע קינדער, וואָס טראָגן זי רויִק איבער פֿאַר דײַן כּבֿוד וועגן.

דאָס מיידל, וואָס האָט אין איר אָרעם געהאַלטן רויטן זײַדנשטאָף און נאָדלען און העקלען מיט זילבער־פֿעדעם און גאָלדפֿעדעם, האָט שטיל נעבן איר ברודער די שמאָלע געסלעך פֿון רוימער געטאָ דורכגעצויגן. עס איז געווען אַ ליכטיקע לבֿנה־נאַכט און די לאַמטערן, וואָס דער ברודער האָט געהאַלטן אין האַנט, איז מער געווען לכּבֿוד איר, ווײַל אַ כּלה־מיידל טאָר נישט אַליין גיין בײַ נאַכט, און עס הייסט: זעט אַ כּלה־מיידל גייט. איידער דעם וועג צו באַלײַכטן, וועלכער איז גענוג העל געווען פֿון לבֿנה־ליכט און לאַמטערנשטראַלן, וואָס האָבן אַרויסגעשײַנט פֿון די הײַזער, זײַנען זיי ביידע שטיל פֿאַרבײַגעגאַנגען די אָקטאַוויאַ־אַלעע, אין וועלכער די אַלטע רוימערס האָבן טיטוסן מקבל פּנים געווען נאָך זײַן ירושלים־ניצחון און פֿון וועלכער עס האָט איצט אַרויסגעשײַנט אַ שטאָלצער קרייץ מיט די העברעיִשע ווערטער: „האַרטנעקיק פֿאָלק, וואָס דו טוסט אָפּקערן דײַן רוקן פֿון גאָטס וואָרט״.

כאָטש זיי האָבן שוין אַזוי פֿיל מאָל די העברעיִשע ווערטער אַראָפּגעלייענט פֿון דער קירך און זײַנען ביידע שוין נישט איין מאָל געוואָרן אַרײַנגעשמיסן מיט דער בײַטש פֿון די שומרים שבת נאָך מיטאָג צו הערן די דרשות פֿון די פּריידיקערס, דאָך האָבן, אַזוי אויף דעם ברודער, ווי אויף דער שוועסטער, די העברעיִשע ווערטער פֿון קרייץ אַראָפּ געמאַכט אַ מין ווילדן אײַנדרוק, און אַ טיפֿע שרעק, אַ באַהאַלטענע שרעק, איז זיי פּלוצלינג באַפֿאַלן. שטילשווײַגנדיק זײַנען זיי ביידע נעבן אַנאַנדער געגאַנגען, ביז זיי זײַנען אָנגעקומען פֿאַר ר׳ יוספֿס הויז. דער ברודער האָט נישט געוואָלט מיטאַרײַנגיין; ער האָט געוווּסט, אַז דרינען געפֿינט זיך זײַן כּלה, מיט וועלכער ער וואָלט זיך נישט געוואָלט טרעפֿן איצט, אין אַזאַ מינוט. האָט ער זיך אָפּגעשיידט פֿון דער שוועסטער מיט בלויז אַ גוטע נאַכט און, אַזוי ווי זיי זײַנען שווײַגנדיק געגאַנגען, אַזוי האָבן זיי זיך שווײַגנדיק אָפּגעשיידט.

בײַ ר׳ יוספֿן אין דער גרויסער שטוב זײַנען שוין געווען פֿאַרזאַמלט די פֿאָרנעמסטע ייִדישע טעכטער פֿון דער קהילה רוים און בײַ דער שײַן פֿון קליינע אייללעמפּלעך האָבן זיי אויף טײַערן רויטזײַדן שטאָף מיט זילבער־פֿעדעם און פּורפּור־פֿעדעם אויסגעהעפֿט דיוואַנען.

דעם מיידלס אַרײַנקומען האָט נישט געמאַכט קיין אויפֿזען, ווי עס וואָלט אַן אַנדער מאָל דער פֿאַל געווען. זי האָט זיך נישט געוויטעוועט מיט אירע חבֿרטעס; זי האָט נאָר לײַכט מיטן קאָפּ געגריסט צו איר ברודערס כּלה, וואָס האָט איר שוואַרצן ייִדיש־שפּאַנישן קאָפּ אויפֿגעהויבן בײַ איר אַרײַנקומען. שווײַגנדיק האָט זי זיך, ווי אירע חבֿרטאָרינס, צו דער אַרבעט אַנידערגעזעצט, האָט אַ קאָפּ פֿון אַ לייב, וואָס זײַן פֿוס אירע אַ חבֿרטע האָט געהאַט, אָנגעהויבן

## В КАРНАВАЛЬНУЮ НОЧЬ*

I.

Реб Шмуел Ойрдес проводил свою дочь до самых дверей. Он что-то хотел сказать, но девушка тихо вперила взор свой в землю, и искривленная морщинка на ее верхней губе была до того насыщена молчанием, что старый еврей, глядя на нее, проглотил свои слова и провел несколько раз широкой рукой по бороде и начал прохаживаться по комнате взад и вперед.

Когда девушка с братом, провожавшим ее с фонарем, оставили дом, старик мысленно сказал: — Творец Вселенной, пусть дойдет до тебя позор юных детей, которые его переносят спокойно, ради имени Твоего.

Девушка, которая держала подмышкой кусок красного шелка с иголками и петельками, с серебряными и золотыми нитями, тихо шагала рядом с братом своим по узким уличкам римского Гетто. Стояла светлая лунная ночь, и фонарь, который брат ее держал в руке, служил больше знаком, что вот, мол, идет невеста, — потому что невеста не должна итти одна ночью, — чем средством освещения дороги, которая была довольно светла от лунного света и фонарных лучей, светившихся из домов. Тихо эти двое прошли мимо аллеи Октавия, где старые римляне торжественно встретили Титуса после его победы над Иерусалимом, и из которой теперь светился стальной крест с гебрайскими словами: «О, ты, жестковыйный народ, который отворачивается от Божьего слова».

Хотя бесчисленное число раз они уже читали эти гебрайские слова с высоты храма и не раз в субботние дни сторожа их загоняли бичами на проповеди проповедников, все же гебрайские слова с креста произвели такое сильное впечатление и на брата и на сестру, что глубокий страх напал на них внезапно. В глубоком молчании шли они рядом, пока не подошли к дому реб Иосифа. Брат не хотел войти с нею: он знал, что внутри находится его невеста, с которой не хотелось ему встретиться в такой момент. Он простился с сестрой простым «досвиданья» и точно так же, как они молчаливо шли, они молчаливо расстались.

У реб Иосифа в самой большой комнате уже были собраны самые почетные еврейские девушки общины, и при свете маленьких оливковых лампочек они вышивали на ценном красном шелке серебряными и пурпуровыми нитями.

Появление девушки не привлекло ничьего внимания, как было бы обычно. Она не поздоровалась со своими подругами, она только слегка кивнула головой невесте брата,

צימער אַרײַנגעגאַנגען, איר קאַסטן אויפֿגעעפֿנט, אין וועלכן עס איז געלעגן איר אויסשטײַער, און האָט פֿון דאָרט אַרויסגענומען אַ שוואַרץ סאַמעט מענטל, אויסגעהעפֿט מיט גאָלדענע פֿעדעם דער כּותל מערבֿי מיט די פֿיר טענענביימער. די בלעטער פֿון די טענענביימער זײַנען געווען פֿון מאַטע זילבער־פֿעדעם, באַפּוצט אַרום מיט ווײַנטרויבן־בלעטער פֿון דעם זעלביקן מאַטן שטאָף, און דאָ און דאָרט זײַנען אויף די בלעטער געהאַנגען טויטראָפּנס, אַרויפֿגעוואָרפֿן פֿון אַ מאַטער זילבערטאַץ. די אַרבעט איז געווען זייער קונציק און איידל אויסגעפֿירט. שוין דאָס דריטע יאָר, זינט זי איז אַ כּלה געוואָרן העפֿט זי אויס פֿאַר איר חתן אַ טלית־בײַטעלע, אין וועלכן מען וועט אים דאָס ערשטע מאָל דעם טלית דערלאַנגען צו דער חופּה. אַלע אירע מיידל־חלומות, אַלע אירע כּלה־חלומות האָט זי אַרײַנגענייט מיט די פֿעדעם אין דעם זעקל אַרײַן. מיט איר פֿרייד זײַנען די פֿאַרבן העלער געוואָרן, מיט איר טרויער זײַנען די פֿאַרבן טונקעלער געוואָרן. און גאָר נישט ריידנדיק, האָט זי די חתן־מתּנה, פֿון די כּלה־הענט געהעפֿט, אין שטוב אַרײַנגעבראַכט און שווײַגנדיק אויף דעם טיש אַנידערגעלייגט.

און יעדע כּלה נאָך איר איז אַהיימגעגאַנגען און פֿון איר קאַסטן איר חתנס זאַק, מצה־צוועל [1] און חופּה־טוך אַרויסגענומען, אין דער שטוב צו ר׳ יוספֿן געבראַכט און שווײַגנדיק אויף דעם טיש אַנידערגעלייגט.

און די ייִדישע מיידלעך האָבן די טלית־זעק צוזאַמענגענייט און פֿון דעם אַ גרויסן טעפּעך געהעפֿט צו באַפּוצן דעם טיטוס־בויגן, וואָס די אַלטע רוימערס האָבן לכּבֿוד אים אויפֿגעשטעלט, ווען ער איז קיין רוים צוריקגעקומען פֿון דעם נצחון איבער ירושלים.

нула оттуда черный бархатный мешочек, на котором было вышито золотыми нитями «стена плача» с четырьмя деревьями. Листья деревьев были вышиты серебряными нитями и разукрашены вокруг виноградными листьями из того же материала, и здесь и там на листьях висели капельки росы, вышитые матовым серебристым бисером. Работа была искусная и очень тонкая. Уже третий год, с тех пор, как стала невестой, она вышивает для своего жениха мешочек для Талиса, в котором ему впервые преподносят Талис, чтобы итти под венец. Все свои девичьи мечты, все свои невестины мечты она вшила с нитями в этот мешок. От ее радости краски стали ярче. От ее горестей краски меркли. И, не говоря ни слова, она внесла в комнату подарок жениху, вышитый руками невесты, и молча положила его на стол.

И после нее каждая невеста пошла домой и из своего сундука вынула мешок для Талиса, серветку для прикрытия «мацы», венчальное покрывало, принесла к реб Иосифу домой и молча положила на стол.

И еврейские девушки соединили талисные мешочки в большой ковер для украшения арки Титуса, которую старые римляне воздвигли в его честь, когда он вернулся в Рим после победы над Иерусалимом.



— 2 —

אין דער זעלביקער נאַכט האָבן זיך די שווערע טויערן פֿון דער הייליקער פּעטרוס־קירך אויפֿגעעפֿנט. און דער ייִד פֿון דער שטאָט נצרת, וואָס איז אין גליל, איז פֿון זײַן קרייץ אַראָפּ און די מזרח־וואַנט פֿון דער פּעטרוס־קירך פֿאַרלאָזט. זײַן וווּנד אין דער זײַט און זײַן קערפּער האָט ער אַרומגעהילט מיט יוספֿס לײַלעך פֿון דער שטאָט ערימתא און האָט אַליין איבער די גאַסן פֿון רוים געוואַנדלט. קיין געלן פֿלעק אויף זײַן רוקן, דעם צייכן פֿון זײַנע ברידער, האָט ער נישט געטראָגן, און די שומרים האָבן אים נישט אָפּגעהאַלטן, כאָטש די טויערן פֿון געטאָ זײַנען שוין לאַנג געווען פֿאַרקלאַפּט און ער, אַ ייִד, האָט זיך נישט געטאָרט געפֿינען אויף יענער זײַט געטאָטויער נאָך דעם לעצטן קלאַנג. רוים איז געווען באַשעפֿטיקט מיט מאַסקעס קלעפּן און קאָסטיומען זיך אויפֿנייען צום מאָרגנדיקן קאַרנאַוואַל. די רוימערס האָבן נישט געזען דעם מענטשנגאָט, וואָס האָט זייער הייליקע קירך פֿאַרלאָזט און צווישן זיי זיך אַרומגעדרייט. עס האָט זיך זײַן לײַלעך געבלייכט צווישן די הויכע זײַלן, וואָס זײַנען אויפֿן פּעטרוס־פּלאַץ. אַליין איז ער איבער דעם אַלטן בית־המדרש פֿאַרבײַגעגאַנגען, וואָס שטייט קעגן איבער דעם קאָליסיי. ער האָט געהערט די ייִדנס געוויין פֿון אינעווייניק, ווי זיי בעטן, אַז גאָט זאָל זיי בײַשטיין מאָרגן, בײַ דעם ערשטן קאַרנאַוואַל זונטיק, נישט פֿאַרשעמען, אַז זיי זאָלן נישט פֿיל חרפּות אַריבערטראָגן. און אַז דער הייליקער פֿאָטער, ווען ער וועט זײַן פֿוס אויפֿן קאָפּ פֿון אַלטן רבֿ טרעטן, זאָל די ספֿר־תּורה, וואָס מען וועט אים דערלאַנגען, נישט צו דער ערד וואַרפֿן. ער איז פֿאַרבײַ דעם קאָליסיי געגאַנגען. די לבֿנה אַליין האָט אין דעם גרויסן, שרעקלעכן מויער אַרומגעשפּאַצירט, נישט געקענט פֿון אים אַרויסקומען. דער ייִד פֿון דער שטאָט נצרת האָט זיך געדאַכט נאָך צו פֿאַרנעמען די רופֿן פֿון זײַן נאָמען פֿון זײַנע ערשטע גלייביקע, וואָס האָבן, ראַנגלענדיק זיך מיט די חיות, אים אויסגערופֿן ביז דעם לעצטן זיפֿץ.

II.

В ту же самую ночь тяжелые двери святого храма Петра открылись. И еврей из города Назарета, что в Галилеи, сошел со своего креста и оставил храм Петра. Свою рану в боку и свое тело он окутал простыней Иосифа из города Аримата и начал блуждать по улицам Рима. Желтого пятна на своей спине, знака своих братьев, он не носил и сторожа его не останавливали, хотя ворота Гетто уже давно были закрыты наглухо, и он, как еврей, не имел права находиться по ту сторону ворот Гетто после последнего звона... Рим был занят клеением масок и шитьем костюмов к завтрашнему карнавалу. Римляне не видели человека—Бога, оставившего их святой храм и блуждавшего среди них. Его простыня белела среди высоких колонн площади Петра. И он прошел мимо старого Бет—Гамидраша, находящегося против руин Колизеума. Он слышал плач евреев изнутри, их молитвы, чтобы Бог их охранил завтра, в первое воскресенье карнавала, чтобы он уменьшил их позор, и чтобы святой отец не бросил на землю «Сефер—Тору», которую ему преподнесет старый раввин, когда святой отец ступит ногой на голову раввина. Он прошел мимо руин Колизеума. Только луна прогуливалась внутри больших, страшных стен, бессильная выбраться из них. Еврею из Назарета почудилось, что он слышит свое имя, исходящее из уст первых уверовавших в него, когда они выговаривали его вместе с последним стоном во время борьбы с дикими животными.

דער לעצטער פון די פינף האט אין א פענצטער אריינגעקלאפט:

— מענטשן! אונדזערע ליגן געשאכטן אין מיטן מארק... מען לויפט מיר נאך... לאזט זיך פארשטעקן...

פארשלאסן איז געווען דעם ברודערס הארץ ווי די טיר פונעם הייזל.

און עס האט געבלישטשעט... בלוט פון א יונגלינג האט א טויט שטאל אין א לעבעדיקער האנט געווארעמט...

און די זון האט זיך אין א בלויען, טונקעלן וואלקן געהילט. איר ליכט האט זיך דא און דארט פון די וואלקנריס געגאסן און באקושט וואסער, פעלד, הויז און בוים מיט הימלליכט. נאר באלד האט דער וואלקן זיינע ריסן באהאפטן און מאט איז געווארן וואסער, פעלד, הויז און בוים. נאכט איז געווארן איבער דעם טראיאנאווער הימל און איבער דער טראיאנאווער ערד. זע די שווארצע האנט, וואס ציט שווארצע שלייערן פון אלע עקן פון דער וועלט אוןווארפט זיי איינס אין אנדערן אריין, און שלעפט זיי איבער טראיאנאוו ארום. שווארץ און נאכט איז איבער טראיאנאוו; שווארץ און נאכט איז איבער די הייזלעך, וואס שטייען, טיר און לאדן פארהאקט, פון פארזונען־אונטערגאנג ביז נאך זיין אויפגאנג, און דער טויט וווינט אין זיי. לעבעדיקער טויט און טויט לעבן. און דער מלאך המות האט זיין מאנטל פארשפרייט איבער זיי. שטייען זיי, די הייזלעך, ווי נאך ווידוי אפגעזאגט, אנגעגרייט צו אלעם. נאר פון איין זייט זעט מען נאך א רויטן ווייטן שטראנד איבערן הימל אויף מערב־זייט, ווי א ראנד פון א רויטן, ווייסן, פייערדיקן ברעג אויף א שווארצן ים. און פון איין עק דארט שטראלן־ארויס פראנק און פריי אין דער נאכט אריין ליכטיקע שטראלן פון א ברענענדיקן לאמפ און בויערן־דורך מיט שרעק די טויטנאכט איבער דער שטאט. און פון דארט הערט מען א ווייט־ווייט שפילן פון א הארמאניקע, נאר די ליכטיקע שטראלן פון די פענצטער און די קלאנגען פון דער הארמאניקע שרעקן מער ווי די שווארצע טויטע נאכט, וואס איז אויסגעשפרייט...

און אין פנים אריין פון שווארצן הימל טראגט די טראיאנאווער ערד אויף זיך, אין מיטן פון איר שענסטן פלאץ פון איר מארק, איבערגעגעבן הפקר דער נאכט און דעם שווארצן שלייער, פיר טויטע קערפערס אין ברודיקן וואכעדיקן אנטועכץ. און איינער ליגט, און זיין שווארץ בלוט געגליווערט, פאר א פארמאכטע טיר, הינטער דעם טראיאנאווער נאכטהימל.

און זע, ווער איז דאס? פון וואנען קומט דאס די, וואס גייט־ארויס פון דער נאכט און פון דעם שווארצן, אין אירע ווייסע תכריכים, אין איר הויב אויפן קאפ, אין אירע שבת אויערן־רינגלעך אין אירע אויערן? און הויך איז זי ווי א קעניגין, און גייט ווי א משוגענע מאמע וואלט זי געווען, און טראגט עפעס אין איר ברייטן פארטעך, און ציט עפעס פון איר ברייטן פארטעך ארויס. זע! שטיקער צעריסענע ספרי־תורות, שטיקער צעריסענע טליתים, שטיקער צעריסענע פרוכתן, און נייט, נייט א לאנגע, לאנגע פלאכטע, און רעדט שטיל און שמייכלענדיק צו זיך:

— מיינע קינדער האבן זיי מיר געטויט. האבן זייערע לייבער אין די גאסן געווארפן. כ'האב מורא, די פייגל זאלן מיר זיי נישט אויפעסן. מי איך מיר. ליילעכער נייען, ליילעכער נייען... גיט מיר שטיקער ספרי־תורות, גיט מיר צעריסענע פרוכתן, גיט מיר טליתים, גיט מיר... גיט מיר... איך מוז דאך מיר ליילעכער נייען, ליילעכער נייען, מיינע קינדערס לייבער צודעקן... כ'האב דאך מורא, פייגל זאלן זיי נישט אויפעסן...

צי איז זי נישט די, וואס שטייט אליין אויפן וועג קיין בית־לחם? אירע אייגענע האבן זיך אין דער מערת־המכפלה באהאלטן, איר מאן מיט איר שוועסטער... האבן זי אליין אויפן וועג איבערגעלאזט, אז זי זאל די קינדער היטן... שטייט זי יעדע נאכט אויף און קוקט דורך די פענצטער, דורך די לאדנס אריין, אבער אירע קינדער טוען שלאפן...



Последний из пяти постучался в окно;

— Люди! Наши лежат зарезанные посреди рынка... За мной гонятся... Дайте укрыться...

Сердце брата было закрыто, как дверь хатки.

И заблистало... И молодая кровь юноши согрела мертвую сталь в живой руке.

И солнце куталось в голубое, темное облако; свет его здесь и там лился сквозь трещины облака и небесный свет засыпал поцелуями воду, поля, дома и деревья. Но скоро облако зашило свои трещины и померкли вода, поля, дома и деревья. Над троянской землей и троянским небом спустилась ночь. Видишь-ли черную руку, которая тянет черные покрывала изо всех концов света, и бросает их одно в другое и тянет их над Трояновой. Черная ночь царит над Трояновой, черная ночь царит над домиками, стоящими с закрытыми дверьями и ставнями от начала захода солнца до его восхода и смерть их заселяет. Живая смерть и мертвая жизнь. И ангел смерти распростер пальто свое над ними. И домики стоят, как после „Видуй“ готовые на все. Только с одной стороны еще видна красная, далекая полоса на западном краю неба, как край красного, пламенного, далекого берега на черном море. И из одного края ночи просвечивают свободно в темную ночь светлые лучи горящей лампы и пробуравливают ужасом мертвую ночь над городом. И оттуда слышится далекая игра на гармонике, но светлые лучи из окон и звуки гармоники пугают более, чем черная, мертвая, распростершаяся ночь...

И трояновская земля несет на себе, посреди самой красивой части своего рынка, четыре мертвых тела, одетых в грязное, будничное платье. И этими мертвыми телами, отданными на милость ночи и черного покрывала, трояновская земля дышет в лицо черному небу. И еще один лежит, застывший в своей черной крови, при закрытой двери, под трояновским черным небом.

И глянь-ка: кто это? Откуда приходит та, которая выступает из ночи, из темноты, в своих белых «тахрихим», в чепке на голове, со своими субботними серьгами в ушах? И высока она, как царица и идет она, как сумасшедшая мать, и что-то несет она в своем широком фартуке и что-то вытягивает из своего широкого фартука. Смотри: она вытягивает куски разорванных «Сефер Тойрес», куски разорванных «талейсим», куски разорванных «порейхесен» и шьет, шьет длинное покрывало, и говорит тихо, улыбаясь сама себе...

... — Детей моих они убили, тела их разбросали по улицам. Боюсь, чтобы птицы их не с'ели, так я тружусь! Шить простыни... Дайте мне куски «Сефертойрес». Дайте мне порванные «порейхесен», дайте мне «талейсим», дайте мне... дайте мне... Ведь должна же я простыни шить, простыни шить, простыни шить... Прикрыть тела детей моих. Ведь боюсь я, чтобы птицы их не с'ели...

Не она ли это, которая стоит одна по дороге в «Бет—Лехем»? Ее родные спрятались в пещере Махпейло, муж ее и сестра... Оставили ее самое на дороге, чтобы детей хранила. Так она встает каждую ночь и смотрит через окна, сквозь ставни, но дети ее спят.

איז זי אַליין פֿון וועג, וואָס פֿירט קיין בית־לחם, אָנגעקומען. פֿלאַכטעס נייט זי זיך, אירע קינדערס לײַבער צו פֿאַרדעקן.

און ווער איז די, וואָס גייט איר נאָך, אַ טריט נאָך אַ טריט? יונג איז זי, ווי אירס אַ טאָכטער. זע, זי שטרעקט נאָך איר אירע הענט אויס און בעט זיך בײַ איר:

— לאָז מיך, מאַמעשי, לאָז מיך דיר העלפֿן די פֿלאַכטעס נייען... מײַן קינד האָב איך פֿאַר זיי צום קרבן געבראַכט... איך האָב געזען ווי דאָס בלוט רינט פֿון די לעכער פֿון זײַנע הענט, פֿון די לעכער פֿון זײַנע פֿיס, ווי זיי האָבן אים מיט די נעגל אין האָלץ געקלאַפּט, און זײַן רוקן ברעכט זיך הינטער אים... און ווי ער האַלט די אויגן צום הימל געווענדט און בעט מיט די ליפּן: וואַסער. זיי האָבן אים אַ שוואָם אין עסיק דערלאַנגט. פֿריילעך בין איך געווען, מאַמע. איך האָב אין מיר די טרערן געשלונגען און פֿריילעך בין איך געווען. איך האָב מיך געפֿרייט, מאַמעשי, אַז איך ברענג מײַן קינד אַ קרבן פֿאַר זיי. אַ קרבן ברענג איך אים צו גאָט, פֿאַר וועלט, פֿאַר זיי, פֿאַר זייערע זינד, פֿאַר זייערע זינד... זע, איצט האָבן זיי מײַן קינדס בלוט גענומען און צום געלעכטער די מענטשן מיט דעם די פּנימער פֿאַרשמירט... אין מײַן קינדס נאָמען האָבן זיי מײַנע קינדער געשאָכטן. עס זײַנען מײַנע מתים... מײַנע הרוגים... מײַנע קינדער האָבן דאָס געטאָן, אין מײַן קינדס נאָמען... לאָז מיך דיר העלפֿן פֿלאַכטעס נייען... מײַנע מתים פֿאַרדעקן, אַז די פֿייגל פֿון הימל זאָלן זייערע לײַבער נישט עסן... לאָז מיך דיר העלפֿן, די פֿלאַכטעס נייען...

און די מאַמע רחל מיט איר טאָכטער מרים האָבן זיך אין מיטן מאַרק געזעצט, אין נאַכט און שוואַרצן געהילט, האָבן פֿלאַכטעס גענייט, פֿון צעריסענע ספֿרי־תּורות פֿלאַכטעס גענייט, פֿון צעריסענע טליתים, פֿון צעריסענע פּרוכתן, וואָס די מאַמע רחל האָט אין איר פֿאַרטעך אויפֿגעקליבן — און די טויטע לײַבער פֿון אירע זין פֿאַרדעקט, פֿאַרשטעלט פֿון די פֿייגל פֿון הימל, און ווײַט אויסגעצויגן די פֿלאַכטעס, ווײַט אויך צו פֿאַרדעקן דעם איינעם זון, וואָס איז געלעגן פֿאַר דעם פֿאַרשלאָסענעם טויער, פֿאַרן הײַזל.

Так она пришла сама, пришла с дороги, ведущей в Бет—Лехем, и покрывала она шьет, чтобы прикрыть тела детей своих.

А кто такая та, идущая ей вслед, шаг за шагом? Молода она, как дочь ее выглядит. Смотри, она протягивает к ней руки свои и умоляет ее.

— Позволь мне, мамочка, позволь мне помочь тебе шить покрывала... Дитя свое я им в жертву принес... Я видела как кровь течет из ран его рук, из ран его ног, как они прикалывают его к дереву гвоздями и спина его ломается позади него. И как он направляет глаза свои в небо и просит губами: «воды». Они дали ему губку с уксусом, но я не плакала, мамочка! У тебя я училась. Радостная была, мама, я глотала свои собственные слезы и я была весела. Я радовалась, мамочка, что приношу сына в жертву для них, в жертву Богу, миру, за них, за их грехи, за их грехи... Смотри-же, теперь они взяли кровь моего дитяти, и ради озорства размазали ее на лицах людей... Во имя моего дитяти они зарезали моих братьев. Ведь это мои мертвецы... мои убитые... мои дети это делали во имя моего дитяти... Позволь-же мне помочь тебе шить покрывала... Моих мертвецов прикрыть, чтобы птицы небесные не с'ели их тела... Позволь мне помочь тебе шить покрывала...

И мать Рахель с дочерью своей Мириам уселись посредине рынка, окутанные ночью и черной одеждой, и шили покрывала из разорванных «Сефер-Тойрсс», шили покрывала из разорванных «талейсим», из разорванных «порейхесен», которые мама Рахель собрала в своем фартуке, — и мертвые тела своих сынов прикрыла от птиц небесных. И широко они простерли покрывала, так широко, чтобы прикрыть и единого сына, лежавшего перед закрытыми воротами, перед домиком.